**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/08/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מעלדט 2 מיליאן דאלאר צו שטיצן זעלבסטמארד פארמיידונג באמיאונגען פאר וועטעראנען און מענטשן אין יוניפארם**

***CARES UP איניציאטיוו געבט $60,000 צו וועטעראנען'ס ארגאניזאציעס; פירסט-ריספאנדער און קארעקשנס אגענטורן איינצופירן טראומא און גייסטישע וואוילזיין טרענירונג***

***די גאווארנער'ס פיסקאלע יאר 2025 בודשעט האט געדאפלט געלטער פאר א פראגראם צו שטיצן געזעץ אינפארסירונג אפיצירן, פייערלעשער, עמערדשענסי מעדיצינישע סערוויס מעמבערס, קארעקשנס אפיצירן און מיליטערישע וועטעראנען***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די גרייטקייט פון ביז 2 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן שטאנדהאפטיגקייט און זעלבסטמארד פארמיידונג באמיאונגען צווישן מיליטערישע וועטעראנען און מענטשן אין יוניפארם, אריינגערעכנט געזעץ אינפארסירונג, פייערלעשער, עמערדשענסי מעדיצינישע סערוויס מעמבערס, קארעקשנס אפיצירן און עמערדשענסי דיספעטשערס. צוגעשטעלט דורך די ניו יארק אפיס פון מענטאל העלט'ס (Office of Mental Health, OMH) [זעלבסטמארד פארמיידונג צענטער פון ניו יארק (Suicide Prevention Center)](), די [CARES UP]() איניציאטיוו שטעלט צו געלטער פאר אגענטורן און ארגאניזאציעס צו פארמערן זעלבסטמארד פארמיידונג באמיאונגען און וואוילזיין פראגראמען צווישן זייערע ראנגען.

"אונזער סערוויס מעמבערס און פירסט ריספאנדערס זענען אויסגעשטעלט צו א גרויסע מאס פון טראומא און סטרעס אויף די דשאב, און דאס קען האבן א ווירקונג אויף זייער גייסטישע וואוילזיין," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "געלטער דורך די CARES UP איניציאטיוו העלפט ארגאניזאציעס און אגענטורן לענגאויס די סטעיט איינצושטעלן שטאנדהאפטיגקייט און גייסטישע וואוילזיין אין זייער פראגראמירונג, פארזיכערנדיג אז די מענטשן האבן צוטריט צו די הילף און שטיצע וואס קומט זיך זיי און וואס זיי דארפן."

די CARES UP פראגראם שטעלט צו $30,000, פאר יעדע דיסציפלין, יערליך איבער צוויי יאר צו פארמערן זעלבסמארד פארמיידונג באמיאונגען און וואוילזיין פראגראמירונג אין זייערע אגענטורן. גאווארנער Hochul (האקול) האט מצליח געווען צו דאפלען פינאנצירונג פאר די פראגראם אין די פיסקאלע יאר 2025 סטעיט בודשעט, העכערנדיג עס צו 2 מיליאן דאלאר יערליך און ערלויבנדיג OMH צו פארברייטערן בארעכטיגונג צו עמערדשענסי דיספעטשערס.

פירסט ריספאנדער אגענטורן ארבעטן נאנט מיט די זעלבסמארד פארמיידונג צענטער (Suicide Prevention Center) צו באקומען טרענירונג פון נאציאנאלע עקספערטן אויף די געביטן אויף טעמעס אזויווי שטאנדהאפטיגקייט, גייסטישע געזונט און וואוילזיין, זעלבסטמארד פארמיידונג און פרייגט שטיצע און איינפירן אגענטור-ספעציפישע שריט צו אדרעסירן זייערע אייגנארטיגע געברויכן. ביישפילן נעמען

אריין צו קויפן גייסטישע געזונט אדער וואוילזיין עפפס פאר זייער שטאב און פאמיליעס, אפהאלטן וואוילזיין טרענירונג און פארברייטערן אינערליכע פריינט שטיצע רעסאורסעס.

די איניציאטיוו געבט אויך די גרענטס צו שטיצן וועטעראנען'ס ארגאניזאציעס דורך Onward Ops. ערהאלטנדע ארגאניזאציעס נוצן די געלטער צו שטיצן סאציאלע וואוילזיין פון סערוויס מעמבערס וואס גלידערן זיך צוריק איין אין זייערע קאמיוניטיס נאך וואס זייער צייט פון דינסט קומט צו אן ענדע.

**אפיס פון גייסטישע געזונט קאמיסיאנער Dr. Ann Sullivan (דר. אן סאליוועןְ) האט געזאגט,** "CARES UP שטיצט פאזיטיווע גייסטישע וואוילזיין און זעלבסט-זארג פאר ניו יארקערס וואס שטעלן איין זייער אייגענע זיכערהייט צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס. די הילף קען זיין לעבנס-רעטנד פאר מענטשן וואס שטייען אויס אויף-די-דשאב סטרעס און טראומע ווען זיי פרובירן צו פראצעסירן זייערע איבערלעבענישן. גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) אנגייענדע שטיצע פאר די פראגראם ווייזט איר איבערגעגעבנקייט צו העלפן אונזערע וועטעראנען און פירסט ריספאנדערס און זייערע פאמיליעס."

**סטעיט סענאטאר Samra G. Brouk (סאמרא דשי. ברוק) האט געזאגט,** "זינט איך בין אריין אין אפיס, האב איך געקעמפט צו פארברייטערן צוטריט צו קריטישע גייסטישע געזונט רעסאורסעס פאר אונזערע וועטעראנען אין מיין דיסטריקט און סטעיט. וועטעראנען זענען מער ווי 11 פראצענט פון זעלבסטמארדן אין ניו יארק סטעיט-זיי דארפן מער לעבנס-רעטנדע אינטערווענירונגען און פריינט שטיצע. א דאנק גאווארנער Hochul (האקול) פארן אינוועסטירן אין זעלבסטמארד פארמיידונג באמיאונגען פאר וועטעראנען און פירסט ריספאנדערס דורך פריאריטיזירן טראומא-אינפארמירטע גייסטישע וואוילזיין."

**סטעיט סענאטאר Jessica Scarcella-Spanton (דשעסיקא סקארקעלע-ספאנטאן) האט געזאגט,** "יעדן טאג, נעמען 22 וועטעראנען טראגיש זייער אייגענע לעבן, אונטערשטרייכנדיג די שטארקע געברויך צו אדרעסירן די גייסטישע געזונט קריזיס אין די וועטעראנען קאמיוניטי. אלס טשעיר פון די וועטעראנען, היימלאנד זיכערהייט און מיליטערישע אנגעלעגנהייטן קאמיטע ( Veterans, Homeland Security, and Military Affairs Committee) אין די ניו יארק סענאט-און אלס ווייב פון אן ארמיי וועטעראן-האב איך בייגעוואוינט ערשטהאנטיג די שטארקע שוועריקייטן וואס אונזערע וועטעראנען שטייען אויס ווען זיי קומען צוריק פון דינסט. איך פארשטיי אויך די שווערע געוויכט אויף אונזערע פירסט ריספאנדערס, וואס שטעלן טעגליך איין זייערע לעבנס צו באשיצן און ראטעווען אנדערע, אפט מיט ווירקונגען אויף זייער אייגענע גייסטישע געזונט. גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) רוף צו נעמען שריט דורך די פינאנצירונג איז א וויכטיגע שריט אין אדרעסירן דעם קריזיס. דורך פארמינערן די סטיגמא וואס נעמט ארום זעלבסטמארד און פארברייטערן שטיצע פאר אין-ריזיקע וועטעראנען און פירסט ריספאנדערס, ווייזט ניו יארק די וועג. די 2 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג דורך די Cares Up איניציאטיוו וועט געבן די כח פאר אגענטורן און ארגאניזאציעס צו פארשטערקערן זעלבסמארד פארמיידונג באמיאונגען און אנטוויקלען וואוילזיין פראגראמען וואס מאכן אן אנהאלטנדע טויש אין די לעבנס פון די וואס דינען אונזערע קאמיוניטיס און לאנד."

די ערשטע קאהארט פון CARES UP אווארדס זענען געגעבן געווארן אין 2022. לעצטע יאר, האט CARES UP אוועקגעשטעלט א צווייטע קאהארט, צושטעלנדיג פינאנצירונג צו 15 ארגאניזאציעס - אריינרעכענענדיג דריי EMS סקוואדס, פינף געזעץ אינפארסירונג אגענטורן, א פייער דעפארטמענט און א קארעקשנס דעפארטמענט - און דריי ארגאניזאציעס וואס סערווירן וועטעראנען.

שטודיעס האבן געוויזן אז די קומולאטיווע סטרעס און טראומא זענען אפט אין מענטשן אין יוניפארם פראפעסיעס און האבן געלייגט די מענטשן אין א גרעסערע ריזיקע פון זעלבסטמארד. פירסט ריספאנדערס שטארבן מער פון זעלבסטמארד ווי אין דינסט, לויט א לעצטיגע שטודיע.

גלייך דערצו, שטארבן ניו יארק וועטעראנען דורך זעלבסטמארד אויף א ראטע פון באלד צוויי מאל העכער ווי פשוט'ע בירגער - א ראטע וואס איז געבליבן כמעט נישט-געטוישט זינט 2012. וועטעראנען יונגער ווי 55 שטייען קאנסיסטענטלי אויס די העכסטע ראטעס פון זעלבסטמארד אין ניו יארק.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און וועטעראנען'ס סערוויסעס (New York State Department of Veterans' Services) קאמישענער Viviana DeCohen (וויוויאנא דעקאהען) האט געזאגט,** "גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) שטארקע איבערגעגעבנקייט צו די גייסטישע געזונט פון אונזערע וועטעראנען און מענטשן אין יוניפארם מאכט א פאזיטיווע טויש און ראטעוועט לעבנס. די CARES UP פראגראם פארזיכערט אז די וואס האבן איבערגעגעבן זייערע לעבנס צו סערווירן און באשיצן אונזער לאנד און זייערע קאמיוניטיס באקומען די שטיצע וואס זיי דארפן זיך צו ספראווען מיט די אייגנארטיגע סטרעסעס אן טראומעס וואס זיי שטייען אויס. די גאווארנער'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג אין CARES UP וועט זיכער ראטעווען לעבנס און ווייטער פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון אונזערע העלדן. איך דאנק די גאווארנער פאר איר אנגייענדע פירערשאפט אין נאכקומען די געברויכן פון ניו יארק'ס וועטעראנען, סערוויס מעמבערס, מיליטערישע פאמיליעס און אלע וואס באשיצן און סערווירן."

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services) קאמישענער Jackie Bray (דשעקי בריי) האט געזאגט,** "אונזערע פירסט ריספאנדערס שטייען אויס סיטואציעס יעדן טאג וואס אנדערע קענען זיך נישט פארשטעלן, און עס איז וויכטיג אז זיי ווערן צוגעשטעלט די רעסאורסעס נויטיג זיי צו האלטן געזונט גייסטיש. די באמיאונגען וועלן גיין א לאנגע וועג צו אדרעסירן די געברויכן אז מיר זאלן קענען האלטן אונזערע פירסט ריספאנדערס אזוי פארזיכערט ווי זיי האלטן אונז."

**דיוויזיע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) קאמישענער Rossana Rosado (ראסאנא ראסאדא) האט געזאגט,** "פארזיכערן די וואוילזיין פון די מענער און פרויען וואס האבן איבערגעגעבן זייערע קאריערעס צו דינען זייער לאנד איז שטארק וויכטיג. ביי DCJS, האבן מיר געמאכט די ענינים אין בעיסיק טרעינירונג און אין-סערוויס קורסן צו העלפן פארזיכערן אז אונזער סטעיט'ס געזעץ אינפארסירונג פראפעסיאנעלן האבן די ערציאונג, געצייג און רעסאורסעס וואס איז נויטיג אנצוהאלטן זייערע פיזישע און גייסטישע געזונט ביים אויסשטיין שטארקע סטרעס, און וויסן וואו זיי קענען זיך ווענדן פאר שטיצע אויב זיי נויטיגן זיך דערין."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן